STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05368

TROPNS FUN MAYNE SHOYBN

Zalman Holtsberg

*Permanent preservation of this book was made possible
by Henry & Pearl Owades
in memory of
their son, Stuart Alan Owades*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן (מאָניק) האָלצבערג

טראָפּנס פון מײַנע שויבן

זלמן (מאָניק) האָלצבערג

טראָפּנס פון מײַנע שויבן

ציכענונגען פון

ד"ר גרשון האָלצבערג

פאַרלאַג "דחק" 1979 – תשל"ט

מײַן טײערסטן חבר אין לעבן און ליד – אסתר,
מײַנע אומפאַרגעסלעכע טאַטע, מאַמע און ברודער,
מײַנע חברים, געפאַלענע אין קאַמף און אלע די,
װאָס האָבן צװאַמען מיט מיר געקעמפט און
געליטן – הײליק איך דאָס בינטעלע לידער.

ZALMAN (MONIK) HOLTSBERG

TROPNS FUN MAINE SHOIBN

Ilust. by Dr. GERSHON HOLTSBERG

כל הזכויות שמורות למחבר
נדפס בישראל
בדפוס "חדקל" בע"מ, ת"א
PRINTED IN ISRAEL
הוצאת "דחק", תשל"ט 1979

אינהאַלט

יזכור.. 9
איך האָב זיך אומגעקערט...................... 13

נגב מאָטיוון................................... 15
חמסין.. 17
אויפן וועג קיין ערד.............................. 18
פּאַלמעס, ווי מעוועס............................. 19
אין היץ ביי סדום................................ 23
צוויי געשטאַלטן................................. 24
די נאַכט אין מדבר................................ 25
טריאָ.. 26
אויפן מאַרק..................................... 27

טראָפּנס פון מײַנע שויבן.......................... 29
גאָר אַ גרויסן בעכער גאָלד......................... 31
די שיף.. 32
שוואַרצע רײַטער................................. 33
ס'איז ניט אמת אַז מיר זוכן בלומען.................. 34
מיט דער זון אויף די דלאָניעס...................... 35
גיב אַ שטורעמדיקן מאָרגן......................... 37
קינדער, ווי דערוואַקסענע.......................... 39
גייט ניט פאַרביי.................................. 40
זאָג מיר "שלום"................................. 42
בדמייך חיי...................................... 44
בלויער פויגל, ווילדער גליק 46
רוף און איך וועל קומען........................... 49
טבת רעגן....................................... 50
פויגלען... 51
אַ טראָפּן בלוט פון הויפן........................... 52
קום לאָמיר גיין.................................. 53

עטיוד 54
צוויי פרויען 55
טראָפּנס פון מיינע שויבן 56
סאָלדאַטן 57
איז בעסער גאָר ניט זיין 59
זכרונות 61
מבצע 62

עלעגיעס 63
ווען מיד איך וועל ווערן 65
וועב מיר אויס, אָ גאָטעניו, אַ וועג 66
פאַלן בלעטער 67
אויף דער וואָר 68
ווען די נאַכט פאַרוויקלען וועט מיך 69
גערעכט איז דער בורא העולם 70

צעשאָטענע בלעטער 73
טאָווריג 75
שטיינער 79
אויגן 80
ביַי פושקינס דענקמאָל 81
טריט פון דורות 82
מיין זון קוק זיך אום 85
קיין פיַיער די נאַכט ניט געצונדן 86
מיַין דענקמאָל 88
ביי אַ קליינטשינקער ליכט 90
אין באַן 91
דיר אַ בריוו געשריבן 92
כ'וועל פאַרגיין צוגליַיך מיטן וואָלקן 94
מיט אלמאַזן שטראַלן 94
זינג 95

יזכור

מאַמע,
איך וויל אַ בריוו דיר שרייבן,
כאָטש איך ווייס –
עס וועלן דײַנע הענט אים קיינמאָל שוין ניט נעמען,
עס וועט דײַן אויג ניט בליקן אין זײַן טיף.
איך ווייס –
פון דיר עס פירן ניט קיין וועגן,
עס קומט צו דיר קיין שטראַל פון זון.
נאָר הער מיך אויס.
מיט דיר איז גרינגער.
לאָז מיך ריידן אָן אַ שיר,
פּונקט אַזוי, ווי גאָר אַמאָל,
ווען איך בין, מאַמעניו, געוועזן לעבן דיר.

איך האָב נאָך דיר קיין קדיש ניט געזאָגט
און קריעה ניט געריסן.
האָב נאָר האַרט, ביז בלוט,
ביז רויטן בלוט די ציין מײַנע פאַרביסן.
און ס'איז דער וואַלד געוואָרן דאַן מיין היים,
די הויכע סאָסנעס – מײַנע ברידער.
דער גרינער פעלד האָט מיר צעשפּרייט
אַ ווייך געלעגער פאַר די גלידער.
אַ כמאַרער ווינט האָט מיך געקעמט,
געקוויקט מײַן גוף נאָך לאַנגע וועגן.
די וואָלקנס האָבן מיך באַדעקט,
געוואַשן מיך – אַ קאַלטער רעגן.
פון בלום דער טוי האָט מיך געגלעט,
פאַרהאַרטעוועט – דער בליץ און דונער.
די שטערן־שוועסטער שפּעט בײַנאַכט
געוואַכט, געשטאַנען ביי מיין בעט.

* * *

אוי, וויפל וועגן בין איך דורך
און וויפל קברים כ׳האָב געזען,
ווען יעדעס גרעזעלע באַזאַכט
געפּאָדערט האָט פון מיר געמאָנט:
דאָס קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעס.
און פאַר דיליידן, פאַרן ווי,
פאַר ניט פאַרענדיקטן געשריי
נקמה נעם,
נקמה נעם...

* * *

רויך און פלאַמען,
שטויב און רעגן...
צוויי גראַנאַטעס אין די הענט.
שמאָלע שטעגן,
האַרטע וועגן,
שפּרייַזן פיס, און שנאה ברענט.
ס׳ברענט די שנאה אין דער שקיעה
פאַרן מערדער טראָגט זי טויט.
אָן שום מיטלייַד, אָן רחמנות,
אָן אַ היים און אָן אַ פּלויט
ווייַט אויף מעריב ביז ניצחון
מיט מייַן שנאה בין איך דורך.
ניט קיין וואָכן, גאַנצע יאָרן
האָט אין מיר געקאָכט מייַן בלוט.

כ׳האָב געמיינט, אַז איצטער קום איך,
מייַן וואַנדער שטעקן כ׳פלאַנץ אין ד׳ערד,

ער זאָל שפּראָצן, ער זאָל וואַקסן
און געבן פּירות פאַר דער וועלט.

נאָר די ערד, מיט בלוט געזעטיקט,
האָט מײַן שטעקן ניט דערקוויקט,
נאָר די שווערע, שוואַרצע כמאַרעס
האָבן מיך אויף ס'ניי געשטיקט.
בלעטער האָבן מיך געשטאָכן
און די זון, ווי סם געברענט:
"ביסט אַ פרעמדער, ביסט אַ פרעמדער
אויף מיט בלוט געקויפטער ערד.
ביסט אַ פרעמדער, ניט קיין גלײַכער,
ניט פאַר דיר די זון דאָ גליט,
ווי פאַר דעם, וואָס האָט געשאָכטן,
ביסט אַ פרעמדער, ביסט אַ ייד".

* * *

נאָר דער ווינט פון נאָענטן מזרח
האָט געבראַכט גערוסן מיר,
אַז מײַן אַלטע, גוטע היים הײַנט
האָט געעפנט ברייט איר טיר.
אירע זונען, אירע שטראַלן,
אירע צאַרטע, מילדע רייד,
אירע פעלדער העל צעבליטע
אין אַ ווײַסן חופּה קלייד —
דאָס איז מײַנע, דאָס איז מײַנע,
כאָטש ס'איז הײַנט נאָך ווייט אַזוי.
דאָרט איז פרילינג,
דאָרט איז יידיש,
דאָרט איז הימל ווײַס און בלוי.

איך גיי אַהין.
דו הערסט?
מען רופט!
איך נעם מײַן שטעקן אין דער האַנט.
נאָר פֿאַרוואָס פֿאַרמאַכט דער טויער
אויפֿן וועג מיר, ווי אַ וואַנט?
נאָר פֿאַרוואָס עס קלינגען קייטן,
צי וויל מען שמידן מיך אין זיי?
ניט, שעכטער, ניט הענקער,
מאַמעניו, איך גיי.
איך גיי...
איך גיי און טראָג מיט זיך מײַן האַרץ,
אָן סתירות, פֿול מיט גלויבן.
אין מײַן יזכור, מאַמעניו,
מײַן אייגן לאַנד כ׳וועל לויבן.

ווילנע, 1957.

איך האָב זיך אומגעקערט

אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג בין איך געווען,
אין טיפֿן טאָל בין איך געווען,
פֿיש געפֿאַנגען אין די טויען.

אין ליד בין איך געווען
און אין אויג פֿון אָדלער,
און אין ציל פֿון ביקס
בין איך געווען.

אונטער דער ערד בין איך געווען און געשפּירט,
ווי אין שטילקייט ווער איך פֿאַרוואַנדלט,
ווי אַ גראָז האָב איך געקוקט און געזען:
עס דרייען זיך ראָבן אין ראָד.

דערווינט האָט צעזייט די וואָלקנס און חלומות.
געלער זאַמד בין איך געווען, אַזוי ווייך און ריין.
קינדער האָבן זיך מיט מיר געשפּילט,
מיך געקנאָטן און קוגלען געבאַקן.

כ׳בין געווען אין דענקמאַל.
ניט געקענט זיך רירן און ניט שרייען.
שטיינערנע הענט האָט מען מיר געגעבן.
אפֿשר וועט מען מיך ווידער אַ מאָל דערשיסן
און צווינגען אַ גרוב זיך אויסגראָבן.

אָבער אין ליד וועט מען מיך ניט דערשיסן,
אין אָדלערס אויג וועט מען מיך ניט דערשיסן.
פֿון ציל פֿון ביקס האָב איך זיך אומגעקערט,
פֿון דענקמאָל האָב איך זיך אומגעקערט.

1977

נגב מאָטיוון

חמסין

דורכן מדבר איז געלאָפֿן דער חמסין,
אַ באָרוועסער געלאָפֿן דורך די זאַמדן.
פֿאַרברענט מיין פּנים און די הענט,
אויסגעטריקנט די טרערן אין די אויגן.

– פּאַוואָליע, שטעלט זיך אָפּ,
האָב איך געשריען צו די ווינטן, –
– פֿאַרברענט ניט מײַנע בלומען און מײַן גאָרטן,
וואַרט אָפּ, איך קען ניט נאָכלויפֿן נאָך אייך,
(אַ פֿאַרשמאַכטער פֿאַל איך ערגעץ דאָרטן).

און ביינאַכט האָב איך געחלומט ווײַסן שניי,
פֿעלדער, וועלדער ווײַסע, ווײַסע
און נאָך געחלומט איך האָב דעם בלויעם פֿראָסט,
וואָס געוויגט האָט די שפּיצן פֿון די ביימער.

1975

אויפן וועג קיין ערד

סטעפּ. גליענדע זאַמדן און פּוסטע וואָלקנס.
צעגראָבענע בערגלעך פון תנכישע צײַטן.
אַ שוואַרצער הונט און אַ ייִנגל אויפן פערד.
ער קערט זיך אום, מײַנע טריט האָט ער דערהערט.

אויסשפּרייטנדיק דעם צעטריקנטן פאַרמעט,
רויכט און קאָרטשעט זיך דער בלינדער וועג אונטער די פיס.
לעגענדעס פון לאַנג פאַרלאָפענע יאָרן
קוקן אַרויס פון אָפּגעמעקטע שפּורן.

און איך מיט דיר – פון דער זעלבער לעגענדע –
קיין לעבעדיקער נפש – נאָר אוראַלטע נעמען,
נאָר איך און דו אויף דער אויסגעברענטער ערד.
לויפט דער שוואַרצער הונט לעבן ייִנגל אויפן פערד.

1978

פּאַלמעס, ווי מעוועס

אויפֿן זאַמדיקן ברעג וואַקסן פּאַלמעס,
פֿאַרוועבטע אין געטלעכן אומעט.
פּאַלמעס, ווי מענטשן –
זיי וואַרטן אויף שיפֿן,
וואָס שווימען אין ווײַטקײַט דעם קאַלטן,
און זײַנען מקנא די מעוועס.

ווען דער נעפּל זעצט זיך אויפֿן וואַסער,
און אין האָריזאָנט נעמען רויטלען די זעגלען,
אַ בענקשאַפֿט פֿון קרוין ביז די וואָרצלען
נעמט אַרום די טרוימער פֿון מדבר.
דער ווייטיק ווערט שטאַרקער און עגבערט,
ווען דער ווינט שפּילט זיך מיט די בלעטער,
און עס לייגט אויפֿן ברעג זיך דער שאָטן,
ווו קיין שיף האָט נאָך קיינמאָל געאַנקערט.

פֿאַרזינקט דאַן אין חלום אַ פּאַלמע,
הויבט זיך אויף איבער זילבערנע כוואַליעס,
צוגלײַך מיט די מעוועס זי פֿלאַטערט
און פֿראַלט און שפּילט מיט די כוואַליעס.
דערגרייכט אַלע שיפֿן, וואָס שווימען
צו ברעגן נאָך ניט קיין באַקאַנטע.

און פֿאָכעט די פּאַלמע די צווייגן –
די פֿליגלען אירע די גרינע,
און וווּנדערט זיך שטאַרק, וואָס ביז היינט
ניט געשפּירט זי האָט דאָס האַרץ פֿון אַ פֿויגל.
מיט חידוש בליקט זי אויף די שוועסטער,

וואָס שטייען בײַם ברעג אײַנגעוואָרצלט,
און ווען קיינמאָל ניט וויסן,
אַז פֿאַלמעס, ווי מעוועס עס פֿליען.

1976

אין היץ ביי סדום

ווי אַ פויגל האָט זיך די היץ
געזעצט אויף די אַרומיקע פעלדזן.
דער מלאך קוקט אַרײַן אין ים,
וואָס שלאָפט מיט אַלע, אַלע גלידער.
די שטיינער שווײַגן. איך וואָלט אויך געשוויגן.
אָבער קוק, ווי ס'ברענען די ברעגעס,
און וואָלקנדלעך, ווי פעדערן, צעבלאָזענע נאָך אַ פּאָגראָם.

און די זון – ווי אַ בלויע רויז
פּאַרטוליעט דעם אַרום,
מיט אויגן פאַרמאַכטע פאַלט און פאַלט
מיט אירע שפּליטערס אויף די קערפּערס.

דאָס וואַסער, געדיכט אָבער קלאָר.
ווי אַ טעלער אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ און טרערן.
און דער מלאַך, מיט אַ בלויעם פייערדיקן שפּיז
אַלץ גלעט און גלעט דײַן בליִענדיקן שולטער.

1978

צוויי געשטאַלטן

ווי אויף אַ בילד פון אַ לוויה,
צוויי שוואַרצע רייען ציפּריסן
אויפן וועג צום באַרג.
און צוויי געשטאַלטן
אויפן וועג צום באַרג.
צווי געאָרעמטע געשטאַלטן,
צוויי מאַטע, גרויע געשטאַלטן
אין מיטן פון בלאַנקן אַספאַלט
הויבן זיך פּאַמעלעך אויפן באַרג.

נאָך וועמען גייען זיי אזוי אומעטיק,
און וואָס טראַכטן זיי,
און וועמען באַווײנען זיי?

1978

די נאַכט אין מדבר...

שוואַרץ די נאַכט אין מדבר.
דער וועג –
פון פינצטערניש צו פינצטערניש.
די לבנה –
ווי אַ זילבערנע מטבע
מיט אָפּגעריבענע אין מדבר זײַטן.
דער ווילן –
פאַרגליווערט נאָר ניט ווערן,
פאַרגליווערט נאָר ניט ווערן.

דער וועג ביינאַכט –
רונצלט זיך ווי אַ שלאַנג –
פון פינצטערניש צו פינצטערניש.
דער זילבער פון לבנה
בלישטשעט אַ פאַרשטויבטער.
איך וואָלט דאָס אַלץ אָנטאַפּן געוואָלט,
אָנרירן געוואָלט.

זאָל זיין מיט ווייטיק,
מיט ווייטיק פול מיין זײַן,
און דרייען זיך, ווי מדבר וועגן אין דער נאַכט,
אַבי פאַרגליווערט נאָר ניט ווערן
און שפירן, אַז דו לעבסט.

.1978

טריאָ

שפּילט דער ציפּרעס
אַ סימפּאָניע דער זון.
ס'איז אים גוט, אַז זי
וואַרעמט די זײַטן.
און די בין
מיט אַ שטראַל זיך צעהוליעט
צו גאַסט ביי די בליטן,
שפּילט אַ סאָנעט אין אַנסאַמבל.
און איך... כ'שפּיל מיט די פונקען פון האַרצן.
און דער טריאָ –
פון ציפּרעס, דער בין און פון מיך –
קלינגט אָפּ אין די הויכן די בלויע.

אַלץ האָט זײַן קלאַנג,
זײַן ווערט און זײַן זין.
אַפילו די שטערנס גיסן אויך טרערן,
אַבי נאָר ס'זאָל קלינגען אַ מונטערע ליד
און קיינמאָל אַנטשוויגן ניט ווערן.
שפּילט דער ציפּרעס,
שפּילט אויך די בין.
איך שפּיל מיט די פונקען פון האַרצן.
שפּילן מיר דרײַ די זעלביקע ליד
דער פּולס פון דער וועלט זאָל ניט אויפהערן קלאַפּן.

אויפֿן מאַרק

אָנגעטאָן אין שמאַטעס
דרייען זיך די וואָלקנס
איבערן מאַרק.
ווײַבלעך פּאַרקויפֿן
ציבעלעס און קנאָבל, נעַנה
און בלומען אויך;
די געלט אין זייערע הענט,
ווי אַלטע ירושות,
וואָס האָבן פֿאַרשפּעטיקט צו קומען.
די טאַטעס — מיט פּנימער פֿון מלכים,
באָטן אָן מאַראַנצן, הינער און שעפּסן,
און וואָלקנס —
אָנגעטאָנענע אין שמאַטעס,
וואָס דרייען זיך איבערן אַלטן מאַרק.

.1978

טראָפּנס פון מיינע שויבן

גאָר אַ גרויסן בעכער גאָלד...

גאָר אַ גרויסן בעכער גאָלד
די נאַכט אין הימל האָט צעשאָטן
און אָנגעבראָקעט, אָנגעזייט
מזלות גאַנצע ראָטעס.

בליצן אויגן – ברעקלעך גאָלד,
פון הויכן ווינקען זיי מיר ווידער,
דאָ ריידן זיי מיט נאַכט און קיל,
דאָ קלינגען אָפּ אין לידער.

צוריק אין בעכער כ׳וואָלט
די פּיַיערלעך צונויפגעקליבן,
נאָר ווי דערגרייכט מען אַזא הויך –
אַ לייטער ביז צום הימל.

גאָר אַ גרויסן בעכער גאָלד
די נאַכט אין הימל האָט צעשאָטן...
פאַרוואָס שפּריַיז איך נאָר אויף דער וועלט
מיט קנאה צו פּילאָטן?

פון אַלע ברעקלעך גאָלד,
וואָס ריידן הײַנט מיט העלע זונען,
האָב איך פאַר זיך, פאַר זיך אַליין
קיין איינעם ניט געפונען.

.1972

די שיף

ווײַט אין ים די שיף פֿלעגט שווימען
און דערגרייכן אַלע ברעגעס,
איר באַגלייטן פֿלעגט דער שטורעם,
און די ווינטן, און דער רעגן.

הײַנט צעריסן אירע זעגלען,
דער פֿלאַגשטאָק איז אויך צעבראָכן,
וויגן זיך פֿון דעק די ברעטער
שוין פֿאַרפֿוילטע און צעקראָכן.

נאָר זי חלומט אַלץ דעם ים נאָך,
גרויסע כוואַליעס — בערג, ווי בערן,
און בײַנאַכט — אַ שוואַרצן הימל,
אָנגעפּיקעוועט מיט שטערנס.

און זי חלומט נאָך די ווײַטן,
וועלכע לאָזן איר ניט רוען,
און דעם לײַכטטורעם פֿאַראייניזאַמט,
דאָרט אין נעפּל — אַ ישועה.

ס'איז די שיף שוין לאַנג צעבראָכן,
און זי שטייט בײַם ברעג פֿאַרלוירן,
נאָר זי וויל נאָך אַלץ ניט גלויבן,
אַז דער ברעג — דאָס איז איר גורל.

.1972

* * *

שוואַרצע רײַטער, גרויע פערד,
הימלען גרין פאַרוועבטע.
טעג, ווי יאָרן — שווערע זעק
מיט נעפּל־טוי פאַרדעקטע.

שוואַרצע רײַטער, גרויע פערד,
גייען נאָכן ארון
ווײַל דער לעצטער, לעצטער וועג
הויבט אָן שוין פון געבאָרן.

שוואַרצע רײַטער, גרויע פערד,
הימלען גרין פאַרוועבטע,
לייגט שערבלעך אויף די אויגן,
וויזיעס לאַנג געשטרעבטע.

שוואַרצע רײַטער, גרויע פערד
שלעפּן מײַנע זאָרגן.
פאַר קיין אוצרות אויף דער וועלט
פאַרקויף איך ניט מיין מאָרגן.

.1972

ס׳איז ניט אמת, אַז מיר זוכן בלומען...

ס׳איז ניט אמת, אַז מיר זוכן בלומען,
ליבע, וואַרעמקייט און ליכט.
טאָ פאַרוואָס אַנטלויפן מיר באַגינען,
פאַרשעמטע, מיט צערויטלטן געזיכט.

מיר לאָזן איבער די געמיטלעכקייט פון היימען.
זאָלן ווינטן טראָגן אונדז גאָר ווייט!
וועלכע שטראָמען פאַרשלעפן אינעם אָפּגרונט,
אין דער קאַלטער וויסטעניש פון צייט?

ס׳איז ניט אמת, אַז מיר זוכן בלומען.
זיך אַליין זוכן מיר אין זיך.
הונגעריקע, דרייסטע און פּחדנים
פאַרגעסן מיר דעם נעכטן זייער גיך.

דעם נעכטן, וואָס פאַרבינדט אונדז מיטן מאָרגן,
מיטן תוך, וואָס וואָרצלט זיך אין אונדז.
זיך געפינען מיר ווילן אין קאַיאָרן,
צעטרעטנדיק די בלומען און די ליכט.

1976

מיט דער זון אויף די דלאָניעס

כ'האָב די זון געהאַלטן אין די דלאָניעס
און אירע שטראַלן דורכזיפּן געוואָלט,
ווי די אייביקייַט די טריט פון יאָרן
אויף אַלע וועגן גאָלדענע צעשפּרייט.

אַ בוים – אַ שלאַנקער איז געוואַקסן,
אָפּגעשפּיגלט אין די בלעטער דעם באַגין.
גערעדט איך האָב, ביי אים געבעטן
דערקלערן מיר פון יעדן שטראַל דעם זין.

דערקלערן מיר דעם זין פון שטראַלן,
וואָס קומען יעדן פרימאָרגן אויף דער וועלט,
צעלויפן וואַנדערער אויף וועגן,
ווי אַ טייַך אין פרילינג, נאָך דער קעלט.

און ס'האָבן בלעטעלעך פאַרזאָרגטע
מיר גערוימט דעם סוד פון בלוי און שוואַרץ,
און שטיל, מיט מילדקייט זיך געבעטן:
אָ ברודער, אונדז נעם און טוליע צו דיין האַרץ.

און אויב צו דיר דערגייען שטראַלן,
און אויב דייַן האַרץ איז ניט קיין שטיין,
דערוואַרעם אונדז, פאַרב אָפּ מיט רויטקייַט,
מיט זודיק בלוט פאַרב אָפּ די געלע האָר.

די האָר פון בוים פאַרב אָפּ מיט רויטקייַט
און דייַן בלוט גיב זיי, ווי שטראַלן אין באַגין.
די זון לאָז פרייַ, זאָל זי זיך קייַקלען,
זי איז פון וועלט דער אומזין און דער זין.

כ׳האָב די זון געהאַלטן אין די דלאָניעס
און אירע שטראַלן דורכזיפּן געוואָלט,
ווי די אייביקייט די טריט פון יאָרן
אויף אַלע וועגן גאָלדענע צעשפּרייט.

1974

גיב אַ שטורעמדיקן מאָרגן

ווען איך בלאָנדזשע אין די חורבות פון נעכטן,
אונטערן בלויעם אָדער גרויעם הימל,
זע איך זיך הינטערן רעגנבויגן,
וואָס באַלויכט מײַנע טריט
אויפן בית־הקברות פון מײַן יוגנט.
דאַן זינג איך זיך אַליין.
כ׳בין אַ קנעכט פון פרײַע לידער.

איך שפיר:
די טעג פאַרלאָפענע,
אויסגעטריפטע, ווי די ליכט אין אַלטן בית־המדרש,
איינגעקריצט מיט שאַרפע נעגל האָבן שפּורן אין מײַן הויט
און זייער צוים פון שטעכל־דראָט
שטעכט מיט גליענדיקע שפּיזן
יעדן מיין געדאַנק.

אַרום אַזוי פיל מענטשן...
אין טאָגטעגלעכקײַט פאַרזונקענע,
דערטרונקענע.
זיי זעען ניט דעם דורשטיקן אַרום,
די שקיעה פונעם הימל,
פון דער ערד,
פון זיך אַליין.

מענטשן!
אויב איר קענט מיר גלײַך ניט קוקן אין די אויגן,
מיך — דעם אַוועקגייענדיקן און קומענדיקן זען,
טאָ שטערט מיר ניט,
לאָזט מיך איבער פאַר די שטערנס און די בוימער.

אויפן ראַנד פון מדבר שטייען אומעטיקע בוימער.
און איך שטיי אויפן ראַנד.
אַנטבלויזט דעם קאָפּ, מיט ציטערדיקע אויגן
מיין תפילה שעפּטשע איך שטיל אין זיך:
זאָל גאָט אַייך געבן פרימאָרגן טויען,
שאָטנדיקע בוימער,
וואָס טונקען די ברייטע צווײַגן
אין די טײַכן פון דער נאַכט.
און מיר גיב, גאָט,
אַ רואיקייט פון זאָרגן,
און מיר גיב, גאָט,
אַ שטורעמדיקן מאָרגן.

1976

קינדער, ווי דערוואַקסענע

ווי שפּילן זיך קינדער?
— ווי דערוואַקסענע.
נאָר פּשוט און שיין.
אַמאָל, ווען קיינעד פּלעגט ניט זען,
פּלעגן מירביידע אויך אַזוי שפּילן.

ווי טרויערן קינדער?
— ווי דערוואַקסענע.
נאָר אַלע מאָל אָפן און ריין,
און אַלע מאָל גלויבן זיי,
אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט.

ווי ליבן קינדער?
— ווי דערוואַקסענע.
ווי מיר ביידע, מיר ביידע אַמאָל.
דערפאַר גלעטן מיר זיי און רופן
מיט די שענסטע נעמען אויף דער וועלט.

גייט ניט פאַרביי

העלפט אָרעמע קינדער,
גיט פאַרלאַטעטע זאַכן.
מיר קענען ניט זײַן זאַט
מיט איין מוצא ברויט,
אַ צעטיילטע פאַר צען.

קרענק האָט איר?
אָדער שווינדזוכט?
מיר קענען זיך ניט שפּילן
מיט די האָר פון געהרגעטע ברידער,
אָדער וואַרעמען דורך נאַכט
זייערע פאַרגליווערטע קערפּערס.

אפשר האָט איר לײַז?
פון הונגערצײַט פאַרבליבענע?
האָט רחמנות אויף אונדז,
מיר האָבן ניט געזען,
ווי לײַז זענען געקראָכן
אויפן טאַטנס בריליאַנטענעם רינג.

אפשר האָט איר אַ ביסל מלחמה?
מען דאַרף העלפן
אַ שכן פון אונדזער גאַס.
ער קען, חלילה, נאָך שטאַרבן,
ווײַל ער האָט קיין טויט ניט געזען.

אפשר האָט איר קוליעס?
אָדער אַ פּראָטעז פון אַ האַנט,
פון אַ פוס?

גייט ניט פֿאַרביי.
מיר קענען זיך ניט שפּילן מיט קוליעס.

מיר קענען ניט שרייבן,
האַלטנדיק די פּען אין די ציינער.
און דערקענען ניט קיין אותיות
מיט אויסגעברענטע אויגן.
גייט ניט פֿאַרבײַ...

1978

זאָג מיר: "שלום"

זכרונות, —
עס פליען קיין צפון די פויגלען.
זכרונות, —
פינקלדיקע שטערנס
באַשיטן מיט זילבערנע קערנער
דעם נאַכטיקן הימל.

זכרונות, —
שלאָפלאָזע נעכט
און אויגן, וואָס בליקן
אין זומערדיקע חלומות.

זכרונות, —
פויגלען, וואָס האָבן זיך געקערט
און וואַרטן דער וועג זאָל ווידער זיי רופן.
שטערט זיי ניט.
זאָלן זיי זיך אָפּרוען
אויף מיין ברוסט און מיינע הענט.

שטיל שווימט אין דער אייביקייט
דער קויטיקער טײַך
אין פלאַך פונעם הימל.
מײַנע לידער האָבן שוין לאַנג ניט געקלונגען.
געוועז כ׳בין, ווי טויט.
ניט געקענט, ווי פויגלען,
זיך קערן אין פאַראַיאָריקע נעסטן.
צו ועסטו מיך דערקענען, מײַן יוגנט,
צו ועסטו מײַנע פערזן פאַרשטיין?

אפשר האָב איך געזוכט,

וואָס קיינער געפינט ניט.
געבלאָנדזשעט אין האַרבסטיקע טויען
און געקנאָטן די בלאָטעס, די גרויע.

איך האָב זיך געקערט
מיט פרילינג ווינטן פון מיינע זכרונות.
טוליע מיך צו און פאַרגלעט מײַנע ווונדן,
זאָג מיר איין־און־איינציקן וואָרט,
זאָג מיר: "שלום".

1976

בדמייך חיי

כ׳האָב דיר געזוכט.
בינסט טיפער פון ימען.
האָסט גערעדט, ווי אַ בלאַט
וואָס איז אויף מײַן שולטער געפאַלן.
כ׳האָב געהערט דײַנע געטלעכע רייד,
געטרונקען דעם טוי פון פרימאָרגן
און דערקענען געוואָלט פון אַלע זײַטן די נאַכט.

אַלע ביכער וועלן שווײַגן.
הייזעריק זענען די פאַרליבטע געוואָרן
און מאַט און פאַרטויט די פנימער
אויף די עקראַנען.
כ׳ האָב דיר אין גיהנום געזוכט,
נאָך דעם אין גן־עדן,
נאָר געשריען דער קול האָט צו מיר:
בדמייך חיי!
לעב אין דײַן בלוט!

זוכנדיק דיך כ׳האָב די ווערטער
אין מיסט נאָר פאַרוואַנדלט,
מיט זאַצן פאַרקלעפּט די גאַסן פון טרוים.
האָסט געברענט צווישן שטערנס,
געבליט מיט דער רויטקייט פון מאָנען,
ביז דאָס ברויט ביסט געוואָרן
פון מײַנע זוניקע טעג.

פון שפּליטערס דער בלישטש
וועט אונדז זאַט ניט מאַכן
טאָ וואָס באַהאַלטסטו די שטילקײַט
הינטער שלעסער אַנטבלויזטע.

ווען שוואַרצקייט פון נעכט,
ווען מאָרגן פון צויבער
רעדסטו שטום מיטן פלאַם
פון דעם טאָג וואָס דערוואַכט.

1978

* * *

בלויער פויגל, ווילדער גליק,
ווו ביסטו אַנטרונען?
די אויגן אויסגעקוקט ביז ווייטיק,
די פיס אָנגעקלאַפּט ביז ווונדן,
דיך אין ערגעץ ניט געפונען.
ווען כ'האָב געשפּרייזט אויפן ראַנד פון אָפּגרונט,
אויף שטיינער שאַרפערע, ווי דימענטן
און פון פּחד, ווי אַ קינד געלאַכט,
האָבן אַלע געמיינט – איך בין גליקלעך
און זענען מיר מקנא געווען.
מקנא געווען
מײַן שמחה און בייזקײַט,
מײַן רײַסן ברענענדיקע, גליענדיקע פּרוכטן
פונעם אויסגעטריקנטן בוים פון איליוזיעס.

בלויער פויגל, ווילדער גליק,
מיט מײַן פאַרבלוטיקטע האַנט־פלאַך גלעט איך דיך.
קיינער וועט דיך פון מיר ניט צונעמען.
ווי אַ קינד לאַך איך דורך טרערן.
אַלע מיינען איך האָב זיך געדירט,
אַלע מיינען איך בין חסר־דעה
און קערן זיך אָפּ פון מיר,
און קערן זיך אָפּ...

1977



רוף און איך וועל קומען

מיט הייסע ווינטן וועל איך קומען
גיב מיר נאָר אַ ווונק.
מיט הייסע ווינטן וועל איך קומען,
גיב מיר נאָר אַ רוף.

אויב עס וועט זײַן שטאַרק דיר ביטער
און אויב פּוסט וועט זײַן,
וועל איך קומען מיט די וועלן,
מיטן ברויז פון ים.

איך וועל קומען אין די דלאָניעס
האַלטנדיק די לופט,
און דעם ריח פון פּרדסים,
און פון בלום דעם דופט.
גיב מיר נאָר אַ ווונק.

איך וועל בעטן פונעם הימל
אַלץ, וואָס איז באַשערט,
דײַנער זאָל איך זיין באַשיצער,
אין דיין האַנט די שווערד.

איך זאָל אָטמען מיט דײַן אָטעם,
זײַן אין דײַנע רייד,
טיילן זאָלן מיר זיךביידע
לײַדן, ווי אויך פרייד.

גלויב, נאָר גלויב,
אַז איך וועל קומען
מיטן ערשטן שטראַל,
מיט הייסע ווינטן וועל איך קומען..
גיב מיר נאָר אַ רוף.

טבת רעגן

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער רעגן פון טבת
דערציילט זיינע האַרבסטיקע סודות,
זיך געקלאַפּט אין מײַן פענצטער,
נאָר איך האָב געשוויגן
פאַרזונקען אין מײַנע געדאַנקען.

און אזוי ביז באַגינען, ביזן בלייכן באַגינען
געשווומען בײַנאַנד זענען שיפן –
דער האַרבסט און מײַן בעט –
צוויי שיפן אין רוישיקן רעגן.

און שווימען מיט זיי אויך מײַנע מאַטראָסן –
די גאָלדענע שפּליטערם – מחשבות,
טראָגן אין ווײַטקײַט
פאַרקריפּלטע וואָלקנס – געשטאַלטן.

זיי שווימען די וואָלקנס, גרויע געשטאַלטן,
ווי פּערענעס, פּעדערן לייכטע
און זוכן אין וועלט־רוים דאָס גליק,
דעם פויגל, דעם בלויעם,
וואָס זיין האַלדז איז געבונדן אין שטריק.

1975

פויגלען

עס פליען געשווינד איבער אונדז
בלויע פויגלען – די ווינטן,
רויטע פויגלען – די בלעטער,
גרויע פויגלען – די וואָלקנס,
בונטע פויגלען – די יאָרן.

עפן די טיר.
ברענג אַ הויפן מיט ברעקלעך.
שיט אויס פאַר די פויגלען.
זאָלן זיי ביַים שוועל
זיך פאַרהאַלטן אַ וויַילע.

אַ טראָפּן בלוט פון הויפן

פון וואַנען זאָג, קינד,
האָסטו דײַנע הענט באַקומען,
דײַנע פיס, אויגן, און ווער
האָט דיך לעבן אויסגעלערנט.
ווער האָט דיר די ערד און די מאַמען געגעבן,
וואָס ווייסטו און טראַכסט,
ווו גייסטו, ווען די פיס
הערן דײַנע געדאַנקען.

ווער, קינד, האָט דיר דעם געהער געגעבן,
ווער האָט דיר דײַנע האָר צוגעטראַכט.
און ווער האָט דיר וואַקסן אויסגעלערנט.

פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון ווערטער,
וואָס פאַר אַ כח האַלטסטו
אין הויפן פאַרקוועטשט.
אפשר האַלטסטו אין קליינעם הויפן דײַנעם
דעם לעבן.

עפנסט דעם פויסט – און גאָרניט.
נאָר אַ טראָפּן בלוט רינט אַראָפּ.
און גיך, ווי אַ קליינע מוראשקע
באַהאַלט זיך אין גראָז.

דאָס קינד וויינט.
און דעם טראָפּן בלוט
יאָגן נאָך די קינדערשע טרערן.

1978

קום לאָמיר גיין...

קום, לאָמיר גיין.
מען דאַרף ניט הערן די שטילקייַט.
די שטערנס זיי וועלן דיר סיי־ווי קיין זאַך ניט דערציילן.

טאָ גיב מיר דייַן האַנט.
לאָמיר גיין,
ווו עס זינגען די פעלדער אין גרינקייַט צעבליטע.

די שטילקייַט איז אָרעם,
די פוסטקייַט איז האַרב.
לאָמיר גיין, ווו די טרוימען האַקן אָן קאָוואַדלעס די צייט.

איך גלויב נאָר אין דיר,
ווי עס גלויבט די ערד אין דער זון
און קנאָספּן גלויבן אין פרילינג.

קום, לאָמיר גיין.
און גלויב כאָטש אין מיר,
און זאָל דער גלויבן פאַר בײדן אונדז קלעקן.
זײַ מײַן שטערן, נאָר דו,
און דוקא אינעם הימל דעם שוואַרצן.

1974

עטיוד

עס האָט די ערד צו זיך
דעם ווינט גערופן
און אים געזאָגט אַזוי:
"צעשפּרייט דעם טוי
און הויב זיך אויף,
פֿאַרדעק די ליכטיקייט
און אויפֿן הימל
הענג פּלאַקאַטן גרויסע אויס –
אַ פֿאָרשטעלונג,
אַ האַרבסטיקע וועט זײַן!"

דער ווינט האָט זיך פֿאַרנייגט
און איז אַנטלאָפֿן,
דעם ערדישן באַפֿעל
אויִספּילן אַוועק.
אַ בלאָז געטאָן אויף אַלע פֿעלדער
און אויך די הויכן ניט פֿאַרגעסן
ער'ט אויסגעהאַנגען די פּלאַקאַטן –
גרויע וואָלקנס אויפֿן הימל.
און געבלאָזן אין טרומייטן,
און געשלײַדערט בליץ און דונער,
און געוויעט און געשריען,
ביז די ערשטע רעגן טראָפּנס
אויף דער ערד זענען געקומען.

און צעשפּרייט האָט זיך דער עולם –
רעגן טראָפּנס גרויסע רוישיק –
אָט די צושויער די ערשטע
פֿון דער פֿאָרשטעלונג –
וואָס האַרבסט איז.

1976

צווײ פֿרויען

צווײ פֿרויען האָבן עס געזאָגט,
און איך האָב זײ געגלויבט.
"ליבער... טײערער... אײנציקער...",
– האָבן זײ געזאָגט.

צווײ פֿרויען האָבן מיך געגלעט,
געלעבט מיט מײַנע דאגות,
צווײ פֿרויען האָבן מיך געטאַדלט
און אַלץ, און אַלץ פֿאַרגעבן.

מיט בײדע בין איך שטאָלץ געווען,
און בין ביז הײַנט פֿאַרבליבן.
זײ האָבן אָפּגעהיט מײן רו
און אויסגעלערנט ליבן.

די ערשטע פֿרוי – דאָס איז מײן מאַמע.
די צווײטע פֿרוי – די מאַמע פֿון מײן זון.

1977

טראָפּנס פון מײַנע שויבן

עס לויפט די צײַט,
און פליען אַוועק די יאָרן
פון מײַן פּנים און הענט,
ווי טראָפּנס פון מײַנע שויבן.

כ'באַטראַכט שוין יעדן טראָט,
וויפל קען ער קאָסטן.
אַ שאָד, וואָס אַלע מאָל
די געשיכטע שרײַבן מיר
אויף אונדזער הויט.

מען זאָגט, אַז קליגער זענען מיר געוואָרן,
מיט אַלע גלידער און געפילן
פאַרשטייען מיר יעדן טאָג אַלץ מער,
וואָס אונדזער צײַט איז ווערט.
אַזוי פיל שלעכטס האָבן מיר געזען,
טאָ פאַרוואָס צו זיך אַליין זענען מיר די ערגסטע?

— 1976

סאָלדאַטן

סאָלדאַטן,
סאָלדאַטן,
סאָלדאַטן.
אַז עס פאַלן סאָלדאַטן,
שטאַרבן די בוימער,
און פרויען, און גראָזן,
פאַרגייען די וואָלקנס,
און קינדערשע פינגער
פאַרגליווערן אין אייביקייט קאַלטער.

סאָלדאַטן,
סאָלדאַטן,
סאָלדאַטן.
אין גולן זענען געפאַלן סאָלדאַטן.
ביים קאַנאַל זענען געפאַלפן סאָלדאַטן.
ווי בוימער אין שטורעם איינגעבראָכן,
ווי שטערנס אין הימל אויסגעלאָשן,
ווי גאָלדענע קוילן –
געלויכטן, פאַרברענט און געפאַלן.

צו דער ערד זענען געפאַלן סאָלדאַטן.
זיך געטוליעט צו דער מאַמען אין קראַמפּן.
מיט נעמען פון שטעט אויף די ליפּן.
געהערט, ווי עס טיקעט דער זייגער,
געוואָלט נאָך זען זיך אין שפּיגל,
פאַרציען דעם רויך פון ציגאַרל,
און ענדיקן קייען דעם "מאַסטיק".
און אַזוי ניט געוואָלט אַוועקגיין,
פאַרשווינדן אין דער נאַכט, דער שוואַרצער,
ווו עס שמעקט ניט מיט בלומען און ווינטן.

אַוועק עס זענען סאָלדאַטן,
אין רייען, אין רייען געשמידטע.
געטראָגן די ביקסן – מײַן האַרצן.
מיינע ליפּן פאַרלעשן דעם פײַער,
און כ׳הער, ווי עס קלינגען די טריט נאָך,
ווי עס גייען און גייען סאָלדאַטן.
פרעג איך בײַ דער אייביקײַט שטילער:
פאַרוואָס האָט איר אונדז אינגאַנצן פאַרגעסן,
ווו זענען אײַערע פליגלען און ביכער,
ווו זענען אײַערע שטימעס?

ווער העפט אײַך די זאָקן, סאָלדאַטן,
און ווער שטריקט אײַך, חברה, די יאַקן,
וואָס האָט איר דאָרטן געפונען,
וועלכע קלאַנגען וועלן אײַך דאָרט פאַרוויגן?

און ווידער עס גייען סאָלדאַטן,
אין רייען,
אין רייען,
אין רייען.
און ס׳קלינגען די טריט אויף דער ערד,
ווו עס רוען אַזוי פיל סאָלדאַטן.

1973

איז בעסער גאָר ניט זיין...

אֵיני רוצה להיות אינני,
אני רוצה להיות ישני...
אלכסנדר פן

אַ בוים וויל איך זיַין,
וואָס ציט זיך צום הימל,
מיט צווײַגן און בלעטער,
מיט נעסטן פאַר פויגלען
און וואָרצלען מיט שטאַרקע
זאָלן בײַשטיין דעם שטורעם.

אַ טײַך וויל איך זײַן.
מיט וואַסערן קלאָרע,
אַז וואַנדערער מידע
די הענט זאָלן טונקען,
די פּיס אין אים וואַשן
נאָך וועגן, נאָך לאַנגע.

די ערד וויל איך זײַן –
זײַן דער אָנהויב און סוף,
די אייביקײַט שטילע,
וואָס זאַפּט אײַן דעם רעגן
און הויבט אויף די גראָזן
צו לעבן און גרינען.

איך וויל זײַן די לופט
און טראָגן די שטראַלן
מיט מעכטיקע פליגלען
אין הימלען באַלויכטע,
אַז מיך זאָל מען אָטמען
אין פרישע באַגינענס.

און אויב ניט קיין בוים,
ניט קיין ליכט, ניט קיין ערד
באַשערט מיר צו בלייבן,
און אויב מענטשן קיין פרייד
און קיין ליד כ'וועל טראָגן,
איז בעסער גאָר ניט צו זײַן.

1976

זכרונות

כ׳וואָלט אַ פולע געוואָלט הײַנט פאַרגעסן,
ווען די פויגלען רופן די ערד צו דער זון,
נאָר דורכן לויף פון די יאָרן,
ווי דורך טויען פאַרגרויטע,
שפּאַרן זיך זכרונות,
ווי ברענענדע לאָמפּן.

דער עבר, ווי שוואַרצע שאָטנס,
באַפאַלט די נאַכטיקע שטעגן,
צערייסט מײַן שלאָף
און קוקט אין מיין פּנים
מיט גרויזאַמע בלינדע אויגן.

פלאַמען און טויט,
הרוגים און קברים...
פון ווייטיק איך רײַס
מיט פינגער די ערד...
דורכן לויף פון די יאָרן,
ווי דורך טויען פאַרגרויטע,
שפּאַרן זיך זכרונות,
ווי ברענענדע לאָמפּן.

1976

מבצע

קיין זאַך איז ניט געווען.
און קיין זאַך איז ניט פֿאַרבליבן.
נאָר דער שטויב אונטער די פֿיס
אויפֿן קרייצוועג.
נאָר אַ דאָרף אַ פֿאַרברענטער,
צעטאָפּטשעטע תבואה.
נאָר אַן אָוונט, אַ באַגינען
און סאָלדאַטישע טריט.

קיין זאַך איז ניט געווען.
און קיין זאַך איז ניט פֿאַרבליבן.
נאָר אַ וויינענדיקער זקן
און כליפּעדיקע קינדער.
נאָר שטעכל־דראָטן און הונגעריקע אויגן.
נאָר אַן אָוונט, אַ באַגינען
און סאָלדאַטישע טריט.

1978

עלעגיעס

ווען מיד איך וועל ווערן...

ווען מיד איך וועל ווערן –
אויפן האַרצן לייג מיר אַוועק
די מילדע בלויקײַט פון זומערדיקע אויגן
און דעם ריח פון היי.
לייג אַוועק די מענטשלעכע שטעגן,
מיט בלומען באַשנייטע.
די קינדערשע יאָרן לייג אויף מיר אַוועק
און אַ קליינעם שטערן.

ווען מיד איך וועל ווערן –
וויקל מיך אײַן אין מײַן טלית,
דעם פּנים צו דער קילער ערד דריק מיר צו.
אויפן האַרצן –
דעם ערדישן ווייטיק לייג אַוועק.
און אויב קיין זאַך וועסט ניט האָבן,
לייג אַרויף דאָס ליכט פון געדאַנקען,
אָדער אַ בינטל זכרונות לייג אויפן האַרצן אַוועק,
און פאַרמאַך מיר די אויגן.

1978

װעב מיר אױס, אָ גאָטעניו, אַ װעג

װעב מיר אױס, אָ גאָטעניו, אַ װעג
פֿון פֿאַרבן, קלאַנגען און פֿון שטראַלן,
מיט רעגנבױגנס און מיט בױמער,
װאָס זענען נאָך קײנמאָל ניט באַשאַפֿן.

װעב אין װעג אַרײַן די מילדע שטילקײַט,
און אַ פֿרילינג אױף ברעגן שלאַנקע,
סאָפּקעס גרינע, גרינע
װעב אין װעג אַרײַן.

און מאַך אַזױ, אַז אױף זײַן פֿלאַך,
אַ מידער פֿון פֿעלערן און לידער,
כ׳זאָל קײן שונאים טרעפֿן
און אױך קײן לײַכטזיניקע פֿרײַנט.

דער װעג זאָל זײַן אַ גלײַכער
און אַ גרינגער,
שטײנער שװערע שאַר פֿון אים אַװעק,
בײַם ראַנד פֿון װעג איך זאָל זיך קענען אָפּרוען אַ װײַלע.

און אױב... דו װײסט דאָך, װאָס עס טרעפֿט...
פֿאַרדעק מיך מיט דײַן אױסגעװועבטן װעג.

1975

פאַלן בלעטער

גרויע טעג. טיפע אויגן.
צו דו חלומסט, צו דו דאַוונסט.
פאַלן בלעטער, געלע בלעטער,
ניט אויף ד׳ערד, נאָר אויפן האַרצן.

זאָל איך פּרוּוון זיי פאַרשאַרן,
אפשר איז דאָ צופיל האַרבסטיק?
קלייבן כ׳וועל אין הויפן בלעטער –
זשמעניעס זונען אָנגעבראָקטע.

כ׳קען פון זיי דאָך ניט אַנטלויפן,
(און קיין זין איז ניט פאַראַנען).
ס׳וועלן פעלדער נעמען שרייַען
און די הימלען גיסן טרערן.

גראָז אַרום וועט נעמען ברענען,
בענקענדיק נאָך געלע בלעטער,
נאָך דער זון, וואָס וויל ניט קומען,
נאָך די שטראַלן, נאָכן לעבן.

גרויע טעג. טיפע אויגן.
ניט איך חלום, ניט איך דאַוון.
פאַלן בלעטער, געלע בלעטער,
ניט אויף ד׳ערד, נאָר אויפן האַרצן.

1976

* * *

אויף דער וואָר, ניט אויפן עקראַן,
גיט אַ בלישטשע פון אונטערן באַוווּסטזײַן
אַ געפערלעכער געדאַנק –
אפשר לעבסטו שוין די לעצטע שעה.
הינטער די זאַמד־בערגלעך –
דער רעגנבויגן פון שטילקײַט,
די אייביקײַט,
און די האָפענונג...

זיך אַליין ניט מודה זײַן,
אַז דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט
און דער טויט בויגט זיך איבער דיר
מיט אַ זאָרגלאָזן פנים,
נענטער,
און נענטער,
און נענטער.
שטילקייט און ניצחון.
די זון פאַרגייט אין האָריזאָנט.

1978

* * *

ווען די נאַכט פֿאַרוויקלען וועט מיך
מיט שוואַרצע שלייערס,
און אַלץ פֿאַרזינקען וועט אין מאַטן דרימל,
וועל איך אויסלעשן די שטערנס.
ווי אַ בוים אין האַרבסטיקן שטורעם,
אַראָפּוואַרפֿן אַלע מײַנע בלעטער:
די שנאה און פֿרייד,
די האָפֿענונג און דעם ווייטיק,
דעם פּחד און דעם ווילן;
און נאַקעט וועל איך בלײַבן,
בלײַבן מיטן ערשטן געשריי,
מיט וועלכן אויף דער וועלט כ׳בין געקומען.

און נעמען כ׳וועל אַ פּאַליטרע מיט פֿאַרבן.
אַלע פֿאַרבן וועל איך נעמען אין האַנט.
און אָנמאָלן אין שוואַצן הימל,
ווי אין האַרטע גראַניטענע פֿעלדזן,
פֿײַער־פֿויגלען מיט פֿליגלען צעשפּרייטע,
און טויזנטער נײַע בלעטער,
און הונדערטער נײַע צווײַגן.
אויף מײַן צווײַג וועל איך אָנמאָלן אויפֿן הימל.
און דאַן וועל איך אַרומנעמען
אין מיינע אָרעמס,
ווי די אָוונט ווינטן,
מײַן לעבן.

1976

גערעכט איז דער בורא העולם

אַ גינגאָלדענער קרוין פון שאָטנס
שוועבט איבער מײַן קאָפּ.
גערעכט איז דער בורא העולם –
ניט אַלץ אויף דער ערד איז גיפט.

עס זענען פֿאַראַן אין די ווײַטן
קוים מערקבאַרע פּונקטן,
וואָס לאָקן און ברענען,
ווי זונען צעגליטע.

גיי אַרויס פון דײַן צעלט,
טוליע זיך צו צו די שטיינער,
די קאַלטע,
און דערשפּיר,
ווי עס שטאַרבט אין לעבן דער טויט.

קוים מערקבאַרע פּונקטן,
אָן טרויער, אָן ווייטיק פון ווונדן,
ועלן פֿאַרוויגן, פֿאַרגלעטן
דײַן מידן געשטאַלט.
און געבענטשט וועסטו זײַן
אין געטלעכער שטילקײַט,
וווּ ס'ברענען אייביקע פלאַמען
פון לעבן, פון שטראַלן און גליק.

אָט דאָס איז דײַן וועג,
מײַן וואַנדערער, ברודער,
וואָס געזוכט האָסט אַ לעבן
דאָס ברעקעלע ברויט
און דעם אייביקן פֿײַער געפֿונען.

אַ גינדגאָלדענער קרוין פון שאָטנס
שוועבט איבער מײַן קאָפּ.
געדעכט איז דער בורא העולם –
ניט אַלץ אויף דער ערד איז גיפּט.

1976

צעשאָטענע בלעטער

טאַוריג

איך בלאָנדזשע אַליין איבער גאַסן,
דער ווינט און דער שטויב איז מײַן פרײַנט.
אין חורבן דיינעם, דעם גרויסן,
איך דערקען דיך ניט שטעטעלע, הײַנט.

פאַריתמ׳טער שטיי איך בײַ חורבות,
באַוויין דײַן אייביקן שלאָף,
דערציילן נאָר שטיינער פאַרגרינטע
דײַן שוידערלעך בלוטיקן סוף.

מיט גראָז פאַרוואַקסענע שטיינער,
פאַרזונקען אין עלנט און קלעם,
מײַן גאַס, ניט מײַן אייגענע כאַטע,
כ׳האָב, שטעטעלע, דיך ניט דערקענט.

מײַן קאָפּ שטיל דײַן אומעט פאַרבויגן,
געזען דײַן ניט ווײַטן אַמאָל:
דעם טײַכל דײַנעם, דעם פריילעכן,
די לאָנקע בײַם וואַלד און דעם טאָל.

כ׳דערמאָן זיך דאָס געסל, דאָס קרומע,
ווו אַ שטאָלצער, פריילעך, געשווינד,
מיט אַ טעקע אין האַנט אין דער שול
געלאָפן בין איך נאָך אַ קינד.

אָט לויף איך מיט באָרוועסע פיסלעך
אין די זומער שטראַלן פאַרשפּילט,
מיר שמייכלט די זון פון פרימאָרגן,
אין ליכט ביסטו, שטעטל, געהילט.

ווידער פלאַפלט שטראָמיק דײַן טײַכל,
מיט קוסטעס פאַרפלאָכטן דײַן ברעג.
און לויפט איר, קינדערשע יאָרן,
ווי זילבערנע ווערן אַוועק.

אַוועק אין פאַרגליווערטן עלנט,
וווּ שווידער אַליין שטייט בײַם וואַך,
אוי, פאַרוואָס, פאַרוואָס זשע, מײַן שטעטל,
אַזוי קאַלט, אַזוי שטום איז דײַן נאַכט.

1948

1978
G

שטיינער

שטיינער ציילן טריט,
שטיינער ציילן יאָרן.
אין מיין גורל שטיינער
זענען לעבעדיק געוואָרן.

אַ קינד, אַ קליינער –
מיט שטיינדלעך זיך געשפּילט,
ווען אויסגעוואַקסן,
שטיינער כ'האָב דערשפּירט.

אויף שטיינער כ'בין געפאַלן,
מיט שטיינער אויפגעשטאַנען,
אויף אַלע מײַנע וועגן – שטיינער,
זאָג פון וואַנען.

זיי דריקן מײַנע אַקסלען,
זיי דריקן מײַנע יאָרן.
פון אַ שטיין בין איך דאָך שטאַרקער,
אַז איך בין פאַרשטיינערט ניט געוואָרן.

אויגן

איך קוק אין דײַנע אויגן, קינד,
און אויפן האַרצן איז מיר שווער,
ווײַל דיין און קינדיש, ווי בײַ דיר,
וועלן ניט זײַן שוין מײַנע מער.

איך קוק אין דײַנע אויגן, קינד,
און ביז די האָרוואָרצלען איך שפּיר –
זיי זענען זאָרגלאָז נאָך אזוי,
און שעכטער שטייען ביי דער טיר.

קוקסטו, קינד, אין מײַנע אויגן,
עס ווערט דאַן גרינגער מיר מײַן פליכט,
דורך שלעק און שרעק גייט דורך מײַן וועג,
ווײַל ס'לויכט דײַן קינדערשע געזיכט.

קוקסטו, קינד, אין מײַנע אויגן,
דאַן ווייס איך זיכער, וואָס עס פעלט –
דײַן היימלאַנד מאַכן שענער דיר,
דײַן היימלאַנד און דײַן וועלט.

1963

ביי פּושקינס דענקמאָל

דער פאָסטאַמענט פאַר פּושקינס דענקמאָל אין
ווילנע איז געמאַכט פון איזיק מאיר דיק׳ס מצבה.
(אַ פאַקט)

אַן אַלטער שטיין, אַ הייליקער,
פון יאָרן אַ באַגרויטער.
אַ גרויסער קליאָן ביי אים צעצווייַגט,
אַ שאָטן פאַר די טויטע.

אַן אַלטער שטיין, אַ הייליקער,
דאָ אויפן בערגל האָט ער
דערמאָנט די ליבע פון אַ זון
פאַר זיין געשטאָרבן פאָטער.

איך האָב אַליין געזען דעם שטיין,
פאַר אים מיין קאָפּ געבויגן
און אים אַ פּערעלע געשענקט —
אַ טרער פון מיינע אויגן.

* * *

דו שטייסט אין פּאַרק, אין מיטן שטאָט
און קוקסט מיט טריבע אויגן,
ביים דענקמאָל דיינעם פאָרן זיך
און וואָרקען ווילדע טויבן.

איך זיץ ביינאַכט אין זעלבן פּאַרק
און הער דאָס ליד פון בוימער.
דעם סוד פון אַלטן, גרויעם שטיין
ווייס איך און דו נאָר איינער.

1957

טריט פון דורות

צום 20־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

הערט זיך צו!
דאָס גייען טריט פון דורות,
אויף צעגליטע שטיינער,
אויף צעברענטע ביינער,
אויפן אַש פון חורבות
קלאַפּן טעמפּע טריט.

הערט זיך צו!
שטייט אויף!
פאַרנייגט פאַר זיי די קעפּ.
ס׳גייען טריט פון דורות –
פון וואַרשע – מילע, נאַלעווקעס,
פון לעשנע קומען זיי.

דו הערסט די טריט?
מענערשע, ווײַבערשע, קינדערשע,
באַשיכטע, באַשטיוולטע, באָרוועסע...
טריט צו באַריקאַדעס.

דאָס זענען טריט פון דורות,
פון דער קייט דער לאַנגער,
וועלכע ציט און ציט זיך
פון בר־כוכבא אָן.

ווו געשעפּט די גבורה,
ווו געשלײַפט דעם ווילן?
אין די טריט פון דורות,
אין דעם קוואַל פון לעבן,
אין דעם קאַמף דעם הייסן
אים אַ זין געגעבן.

זאָלן לויפן יאָרן,
ווי אין פרילינג טײַכן,
זאָל זיך בײַטן יאוש
און גרויע טרויער נעכט
אין קאַיאָר פון שטראַלן,
אין ריינעם בלום־געפלעכט.

קיינמאָל ניט פאַרגעסן
אָט די דורות קלאַנגען,
זייער גבורה פלאַנצן,
ווי אַן אײדעלן בוים.
זייער לעצטן ווילן,
זייער אָנזאָג, שבועה,
ווי דעם גרעסטן אוצר
טראָגן, ווײַטער שפּאַנען,
אים אין פלעכט פאַרפלעכטן,
צו קינדס־קינדער טראָגן,
זייען און פאַרזייען.
זאָל ער מוחות וועקן,
און קאָוואַדלעס־הערצער,
אין דער קייט פון דורות
נייע רינגען שמידן.

און ווען ווידער כחות
שוואַרצע, בייזע ווינטן
שלײַפן זייער חלף
קעגן אונדזער לאַנד,
שרומפּט צונויף די רייען,
ווי אין וואַרשעס בונקערס.
זאָלן אַלע הערן,
זאָלן אַלע וויסן –

ס'גייען טריט פון דורות
צו דעם קאַמף געגרייט.

אונדזער גבורה אייביק
וועגן וועט באַלויכטן,
וועגן, וואָס עס פירן
צו אַ גרויסן גליק.
פונקט, ווי דאַן אין וואַרשע
אויף די באַריקאַדעס
אונדזער רוף פאַרויס איז —
קיינמאָל ניט צוריק!

1963

מײַן זון קוק זיך אום...

מײַן זון, קוק זיך אום,
גיב אַ קוק,
ווי עס קלײַבן פון בוימער די קנאָספּן דאָס לעבן,
ווי די ערד, פון אַקער צעשניטן אין וואַרעמע פּלאַסטן,
מיט דאַמף און מיט ריחות פון שפּרײַזנדן פרילינג,
שוועבט אַלץ צום הימל,
ווי עס וואָלט איר געצויגן צו זיך די האַנט פון יצירה.
טו אַ קוק אויף די פּלאַסטן — די אָפענע ווונדן,
וואָס שפּריצן מיט אייטער, ווי פּײַער פון שטיינער צעקלאַפּטע,
און דער ריח פון בלוט, וואָס פאַרשיקערט דעם גזלן
מיט חיה׳שער גבורה און בייזקײַט,
צעמישט זיך מיט דאַמפּן פון רויך און פון בלומען,
וואָס וועלקן אין הייסע באַטאָגן פון זומער
און קוועלן נאָך רעגנס פון הימל,
וואָס ברענגען דעם שפע פון לעבן.

מיין זון, הער זיך צו:
עס קלינגט נאָך די לופט מיט די לעצטע געשרייען פון גסיסה,
וואָס פאַרטויבט האָט די האַק פונעם מערדער.
טו אַ קוק אויפן מאַרך פון אַ קינד,
וואָס גיט כח צו וואַקסן די קראָפּעוועס נאָענט בײַם פּאַרקן.
געדענק אויך די קויל, וואָס האָט אויף אייביק
פאַרשלאָסן אין מײַלער די ווערטער
פון ליבע, פון קללות און האָפענונג.

און היינט,
ווען דאָס לעבן לויפט ווי אַ טײַך צו די רחבות פון ימען,
און עס דוכט זיך ס׳איז זיי וואַרעם און זאַט
זיי רײַסן דאָס לעבן מיט נעגל פון שפּאַרבערס,
פאַרגעסן אָן קרבנות געבראַכטע פאַר קיינעם,
פאַר קיינעם, פאַר גאָרניט.

1958

* * *

קיין פֿײַער די נאַכט ניט געצונדן,
ניט גערוט אויפֿן האַרט פֿון מײַן בעט,
מחשבות פֿון קינדערשע יאָרן
מיט מיר האָבן ווידער גערעדט.

דער האַרבסטיקער ווינט אין זײַן אומרו
געבראַכט מיך אין שטעטל צוריק,
דער פֿינקלדיק קלײנטשינקער שטערן –
דערמאָנט אָן פֿאַרגאַנגענעם גליק.

אָט שפּרײַז איך דורך גאַסן פֿון קינדהײַט,
ליכט ברענען – גאָלדענע סנאָפּעס...
מײַן אַלטיטשקער טאַטע ביים עמוד
אַלץ בויגט זיך און בויגט זיך אַראָפּ.

די ליכטעלעך ברענען און ריידן:
"מיר האָבן דיך אַלע דערקענט.
דיין מאַמע, געדענקסט, פֿלעגט אונדז בענטשן,
די אויגן פֿאַרדעקט מיט די הענט".

און דוכט זיך, אָט שטייט זי, ווי נעכטן,
גלעט, גלעט מיר דעם פּנים גאָר צאַרט,
איך הײַל זיך איר אַלץ צו דערציילן,
נאָר עמעצער שטייט דאָרט און וואַרט...

פֿינצטער. קאַלט ביי מיר איז אין צימער.
דאָס בלוט מיינע שלייפֿן נאָר דריקט.
איך זיץ, ווי אין אײַזן געקלאַמערט,
אַליין מיט די טרערן זיך שטיק.

קיין פֿײַער די נאַכט ניט געצונדן,
ניט גערוט אויפֿן האַרט פֿון מײַן בעט.
מחשבֿות פֿון קינדערשע יאָרן
מיט מיר האָבן ווידער גערעדט.

1955

מײַן דענקמאָל

(אַן ענטפֿער יעווגעני יעווטושענקאָ)

אין באַבי־יאַר קיין דענקמאָל ניט פֿאַראַן.
דאָרט אַלץ פֿאַרוואַקסן איז מיט הויכע גראָזן.
איך בין דאָס לאַנד לענג־אויס און ברייט אַדורך –
געווען אין באַבי־יאַר, דעס נײַנטן פּאָרט, פּאָנאַר –
אין ערגעץ קיין דענקמאָל ניט געזען.

נאָר וואָס אַ דענקמאָל, וואָס אַ שטיין,
אַז מײַן האַרץ צעפּליקט האָט איר אויף שמאַטעס,
מײַן היים צעשטערט, מײַן שפּראַך פֿאַרשוועכט,
מײַן יעדן טראָט געקרוינט מיט געלע לאַטעס.
(איר רופֿט דאָס פֿעלקער פֿרײַנטשאַפֿט
און שרײַט איר זײַט גערעכט).

אין אײַער בלוט קיין טראָפּן ייִדיש בלוט ניטאָ,
נאָר מײַן בלוט האָט איר צעגאָסן
אויף אַלע שליאַכן ברייטע,
ווי אַ טײַך אין פֿרילינג צעגיסט
זײַן וואַסער אויף די פֿעלדער,
מײַן בלוט צעמישט האָט איר מיט מיסט
און שטויב אויף אַלע, אַלע וועגן,
באַרויבט האָט איר די קברים מײַנע, ווײַט צעזייטע.

פֿאַרהאַמערט פֿאַר מיר אַלע טירן און טויערן,
פֿאַרהאַמערט, פֿאַרוואָגלט, פֿאַרשלעפּט.
אַזוינע פֿאַרטאָגן בײַ מיר צוגערויבט,
אַזוינע פֿאַרטאָגן אין יאוש פֿאַרוואַנדלט,
אַזוינע פֿאַרטאָגן דערטרונקען אין שפּאָט.

אין באַבי־יאַר קיין דענקמאָל ניט פֿאַראַן.
ניטאָ קיין דענקמאָל אין פּאָנאַר.
אָבער אַ דענקמאָל איז פֿאַראַן –
געווען דער וועג צו אים דורך בלוט און תּפֿיסות,
דורך שיפֿן ניט דערשוווּמענע צום ברעג.

אַ דענקמאָל איז פֿאַראַן –
אַ גרויסער און לויטער ווי דער הימל.
דאָרט יעדער שטיין אַ קדיש און אַ יזכּור
נאָך טויזנטער און טויזנטער באַגראָבענע,
נאָך טויזנטער און טויזנטער פֿאַרזיגלטע אין ליַידן.

דאָרט יעדער בוים אַ שטאָלענע מצבֿה,
דאָרט יעדער צוויַיג – אַן אויסגעשטרעקטע האַנט
צום וואָרנען, דראָען און צום בענטשן.
אַ לעבעדיקער דענקמאָל נאָך זיי, נאָך דיר
און אויב איך בין ווערט, איז זיכער אויך נאָך מיר.

1961

בײַ אַ קלײנטשינקער ליכט

געשאָטן, פֿאַרשאָטן אַלץ האָט דער שנײ,
די ערד באַדעקט מיט װײַסע טליתים,
זיץ איך אַלײן בײַ אַ קלײנטשינקער ליכט,
גאָר פּאַמעלעך איר חֵלֶב טריפֿט אױסעט.

פֿליט איר און פֿליט אַלץ, שנײעלעך קלײנע,
שנײעלעך רײנע – װײַסינקע טױבן.
גאָט פֿון הימל אַלײן האָט געשיקט אײַך
צו פֿאַרדעקן די קברים פֿון אױבן.

צו פֿאַרדעקן מיט רו פֿון די שנײען
װײַט אין פֿעלדער און װעלדער צעזײטע
בערגעלעך שטומע, אָפֿענע גריבער,
װעלכע צײַט קען פֿאַרװײען דעם װײטיק.

געשאָטן, פֿאַרשאָטן אַלץ האָט דער שנײ,
די ערד באַדעקט מיט װײַסע טליתים.
איך נאָר אַלײן בײַם פֿאַרלאָשענעם ליכט
זוך אַלץ װערטער דעם לעבן צו טרײסטן.

1958

אין באַן

עס לויפט,
עס לויפט דער באַן,
און סטאָלבעס פליען,
אַזוי, ווי ציילנדיק די טריט פאַרביַי.
דער שניי שוין באַלד באַדעקט די גרינע פעלדער
און היט די זומערדיקע תבואה טריי.

איך קוק אין פענצטער
און איך קלער:
פונקט אַזוי עס לויפן יאָרן,
דאָס גרוי שוין באַלד באַדעקט דעם שלייף,
כאָטש ערשט נעכטן כ׳בין געבאָרן.

אַוועק דער יונגער פרילינג וויַיט,
דער זומער גייט שוין אויך צום ענד.
און ס׳קומט דער האַרבסט,
וואָס שמעקט מיט ערד,
וויינט מיַין האַרץ, ציטערן די הענט.

איך קלער:
אוי וויי, פאַרוואָס,
פאַרוואָס זשע לויפט איר יאָרן,
אַזוי געשווינד, ווי סטאָלבעס לעבן וועג,
איר לויפט פאַרביי
און לאָזט נאָר אין זכרון
די פוסטקיַיט, דעם זאַמד פון כוואַליעדיקן ברעג.

1955

* * *

דיר אַ בריוו געשריבן
און אים ניט אָפּגעשיקט,
געקומען ווינטן בייזע,
מיט כּישוף מיך פֿאַרוויגט.

דיר אַ ליד געזונגען,
דערזינגען ניט באַהויפּט,
געקומען ראָבן שוואַרצע,
מײַן ניגון דאָ פֿאַרטויבט.

בין צו דיר געלאָפֿן,
דערלויפֿן ניט געקענט —
גאַנצע מחנות ווילדע וועלף —
אויף אַלע וועגן ווענט.

דיר געזען אין חלום,
ניט דערחלומט ביזן סוף,
נאָר אייביק זײַן צחאַמען
די גאַנצע צײַט איך האָף.

1967

כ׳וועל פאַרגיין מיטן וואָלקן

כ׳וועל פאַרגיין צוגלײַך מיטן וואָלקן,
נאָר אַ שפּור וועט פאַרבלײַבן פון מיר,
כ׳לאָז איבער צעקנייטשטע פּאַפּירלעך
און אַ בינטעלע לידער פאַר דיר.

כ׳לאָז איבער צוויי איינזאַמע בוימער,
פאַר זיי איך האָב געלעבט און געגאַרט,
מײַן איינציק באַגער אין פאַרגיין איז –
מיך דערמאָנען זיי זאָלן ניט האַרב.

דער ערשטער, אַ דעמב נאָך אַ יונגער,
שלאַנק און לײַכט, ווי אַ לאַן אין די בערג,
ער וועט מײַנע לידער דערשפּינען,
די שטיינער אָפּשטופּן פון מײַן וועג.

מיט אים רוישט אַ ווערבע, אַ מילדע,
וואָס געוואַקסן אין עלנט פון טעג,
אַ פרישינקער ווינט אין מײַן לעבן,
אַ קרוין־שטראַל אויפן ראַנד פון מײַן ברעג.

כ׳וועל פאַרגיין צוגלייך מיטן וואָלקן,
נאָר אַ שפּור וועט פאַרבלײַבן פון מיר:
אין האַרבסטיקע גרויע פרימאָרגנס
וועלן הוידען די בוימער מײַן שיר.

1961

* *
*

מיט אַלמאַזן־שטראַלן האָט זיך הײַנט די זון צעגליט
און מיט ברויזיקע געפילן מײַן נשמה אָנגעפילט.
כ'װאָלט געװאָרפן איצט די פענע מיט די ביכער אָן דער ערד
און מיט קינדערישן שפּרינגען זיך געלאָזן װײַט אין פעלד.

צי בײַם טײַכעלע געזעסן, װי דער װאַסער פליסט געקוקט,
צי אין קוסטעס, אין געדיכטע, װי אַ פויגל טיף פאַררוקט.
כ' װאָלט אין װאַלד זיך הײַנט צעקלונגען מיט אַ מעכטיקן
געזאַנג
און געהערט, װי פון מרחקים קומט צו מיר דער זעלבער
קלאַנג.

װײַט פון טומל כ'װאָלט אַנטלאָפן פון·דער ברויזנדיקער
שטאָט
און אין הימלען, הינטער װאָלקנס זיך צעשװעבט אין
מלאך־טראָט.
ס'האָט אַ יום־טוב טאָג אַ גרויסער אין מײַן האַרצן זיך צעגליט,
און אַ פרילינג טאָג אַ צװייטער אויף דער ערד זיך הײַנט
צעבליט.

1945

זינג

זינג לידער, פּאָעט, זינג.
דער הימל פֿאַרוואָלקנט אַזוי,
דוכט זיך פֿון דאָזיקן רינג
וועט קיינמאָל ניט שײַנען דאָס בלוי...

זינג לידער, פּאָעט, זינג,
דײַן וואָרט איז אַ שטורעם,
דײַן וואָרט איז אַ ווינט,
וואָס די וואָלקנס צעטרײַבט,
צינדט אָן אַ פֿײַער,
אַנטפּלעקט דאָס געמיט.
דײַן ליד איז אַ קוואַל,
אַזוי טיף, ווי דער ים,
ווי די אויגן פֿון טעכטער,
וואָס זינגען אים שטיל.
דײַן ליד איז אַ פֿייקל,
וואָס רופֿט אונדז צום שלאַכט,
וואָס רופֿט פֿאַרן זיג
פֿונעם טאָג קעגן נאַכט.
זינג לידער, פּאָעט, זינג!...

1956